אונזערע מחשבות

מאמר השקפה
חג המצות
שנת תשפ"ד לפ"ק

# ביים עפענען די טיר צו 'שפוך חמתך'...

מיר גייען צו צום הייליגן יום טוב פסח תשפ"ד.

אט אט גייען מיר זיצן ביים סדר נאכט, מקיים זיין די מצוות היום, סיפור יציאת מצרים, ד' כוסות, אכילת מצה, מרור, אפיקומן-קרבן פסח, און... עפענען די טיר צו 'שפוך חמתך'.

דאס עפענען די טיר ווען מען האלט ביים צווייטן טייל פונעם סדר נאכט, איז באקאנט פונעם הייליגן מהר"ל, דאס איז א נישט-פשוט'ע פעולה, דאס צייגט אונזער צפי' לגאולה, ווי מיר גלייבן און מיר ווארטן אויפן איש טוב מבשר טוב, אליהו הנביא זאל קומען צו אונז אין שטוב און מבשר זיין די בשורת הגאולה.

דער אפענער טיר פסח ביינאכט, צייגט אויך אויף אונזער אמונה אינעם 'ליל שימורים הוא לה', ליל שימורים הוא לדורותם', מיר גלייבן מיט'ן גאנצן הארץ, מח, און נשמה, אז געניו ווי פסח ביינאכט אין מצרים איז דער שומר ישראל געשטאנען און אכטונג געגעבן אויף בניו רחומיו פון די מצרים, איז ער היינט אויך דא מיט אונז, און ער גיט אכטונג אויף אונז, ער היט אונז אפ פון אלעס בייזן.

און מיר נוצן אויס די געהויבענע געלעגנהייט מיט א תפילה "שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך ואשר בשמך לא קראו".

### די נידערלאגע פון ציוני'זם

אידישע קינדער זענען איבערגענומען מיט רגשי אמונה, מען גרייט זיך צום הייליגן יו"ט פסח ווען דער מצב איז זייער נישט פשוט.

מיר גייען צום 'זמן חירותינו' מיט זייער שווערע געפילן, מיר קומען פון א לאנגן שווערן ווינטער, זייער נישט לייכט.

פון אנהויב ווינטער, ממש פון אסרו חג שמחת תורה זענען מיר אונטער'ן רושם פון די שוידערליכע טעראר אטאקע, ווען די בני ישמעאל האבן מיט אכזריות אויסגע'הרג'עט אריבער 1,200 אידן הי"ד.

מאז ועד היום, אין לך יום שאין קללתה מרובה מחברתה.

די דאזיגע אכזריות'דיגע אקציע מצד די בני ישמעאל האט געגעבן א פרייע האנט פאר די מופקרים, די רשעי הציונים צו טון ככל העולה על רוחם.

זיי מוזן ווייזן א נקמה, זיי מוזן ווייזן 'כחי ועוצם ידי', זיי מוזן ווייזן אז 'מיט מיר הייבט מען זיך נישט אן'..

זיי האבן יענס מזל. ווייל די גאנצע וועלט שטייט און וואונדערט זיך אויף די ציוני'סטישע מדינה וואס צייכט זיך אזוי אויס אין 'נקמה', זיי קענען אזוי שטארק 'צוריק דערלאנגען' פאר יעדן וואס דערוואגט זיך זיי צו טשעפענען, אבער ווען די 'אקטאבער אטאקע' האט פאסירט האט זיך ארויסגעשטעלט קליפ און קלאר אז זיי זענען בכלל נישט מסוגל צו אכטונג געבן אויף זייערע בירגער.

דאס וואס ווערט אנגערופן 'פריווענשאן', דאס זיין פארגעקוקט, דאס באגלייטן און אכטונג געבן פון פריער אז עס זאל קיין בייזן פאסירן, און זייערע בירגער זאלן זיין באשיצט, דאס שטיין און אכטונג געבן אויף זייערע מויערן, און טון כל מה שביכלתם לטובת די 'אזרחי המדינה', דאס זענען זיי ניטאמאל ווערד אויף 'כרפס' און 'חרוסת'... זיי זענען טיף געשלאפן אין די צייט וואס זייערע שכנים האבן זיך לאנגע חדשים און יארן געגרייט אויף די שוידערליכע אקציע, און די 'וועלטס חכמים' האבן פון גארנישט געוואוסט. לאנגע לאנגע שעות האט מען גע'הרג'עט אידישע קינדער מיט אלע מיתות משונות ר"ל, און די ציונים זענען געווען אין טיפן דרימל.

דאס וואס ווערט אנגערופן 'פריווענשאן', דאס זיין 'פארגעקוקט', דאס באגלייטן און אכטונג געבן פון פריער אז עס זאל קיין בייזן פאסירן, און זייערע בירגער זאלן זיין באשיצט, דאס שטיין און אכטונג געבן אויף זייערע מויערן, און טון כל מה שביכלתם לטובת די 'אזרחי המדינה', דאס זענען זיי ניטאמאל ווערד אויף 'כרפס' און 'חרוסת'... זיי זענען טיף געשלאפן אין די צייט וואס זייערע שכנים האבן זיך לאנגע חדשים און יארן געגרייט אויף די שוידערליכע אקציע, און די 'וועלטס חכמים' האבן פון גארנישט געוואוסט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט לעיני השמש אז די מעכטיגע שטארקסטע מיליטער אין מיטל-מזרח איז נישט ווערד לצור על פי צלוחית, די פרימיטיווע אראבער האבן דורכגעבראכן אלע זייערע זיכערהייט מאסנאמען.

נאר וואס דען?! מיט וואס זענען זיי 'עזין שבאומות'?! אז נאכדעם וואס זיי ווערן אטאקירט, נאכדעם וואס זיי באקומען מכות רצח, נאכדעם וואס מ'צייגט אויף פאר די גאנצע וועלט ווי נישט אהערגעשטעלט זיי זענען קעגן זייערע פרימיטיווע שכנים, דאן וועקן זיי זיך אויף פון שלאף, און זיי קומען צו לויפן מיט'ן גאנצן ווילדקייט צו צייגן נקמה, און צו ווייזן אז "מיט אונז הייבט מען זיך נישט אן".

יא, עס דערמאנט א ווילדער אינגל פון חדר וואס פלעגט אויף ווייזן גבורות נאכדעם וואס מ'האט אים געשטעלט אין פלאץ.

אין אנדערע ווערטער דארף זיין קליפ און קלאר ביי יעדן נארמאלן מענטש, אז די 'מעכטיגע ציונים', וואס זענען אפיציעל געקומען צו 'לעזן אנטיסעמיטיזם', און זיי האבן גע'טענה'ט מיט 100 יאר צוריק אז נאר א

מדינה איז די לעזונג צו העלפן אידן איבער די וועלט. זיי זענען טאטאל דורכגעפאלן, זיי האבן קיין שום פראגע נישט געלעזט, און קיין שום טובה פאר קיינעם נישט געברענגט.

בסך הכל האבן זיי אויפגעטון אזויפיל, אז זיי האבן מייסד געווען א מדינה צו ברענגען נאך צרות, נאך שפיכת דמים, נאך אנרייצן די גוים פון איבער די גאנצע וועלט קעגן אידישע קינדער, און נאכדעם ווערן זיי די 'מצילים', און צייגן אז זיי קענען נקמה נעמען 'למען כבודה של המדינה'.

ס'איז דוכט זיך איבריג צו דערמאנען דעם משל פון מרן רביה"ק מסאטמאר זללה"ה איבער דעם פייער צינדער, וואס שטעלט זיך אהער ווי דער מציל, דער פייער-לעשער.

כהיום הזה האבן מיר שיין דערלעבט, נאך לאנגע זעקס חדשים פון

**אפילו די וויכטיגסטע מיסיע פון ראטעווען די משכונות, די פארכאפטע איזראעלישע בירגער, איז א שווידערליכע דורכפאל. ווען די הונדערט און עפעס געראטעוועטע האט מען געראטעוועט נאכ'ן פאלן אויף די פיס פאר די אראבישע מערדער און זיי נאכגעבן זייערע פארלאנגען, און פון דארט און ווייטער פרובירט מען כסדר צו אויסהאמערן אן אפמאך, און די פאלעסטינער זענען די וועלכע ווארפן צוריק אין פנים.**

'נקמה', איז 'כאמאס' חי וקיים.

די ציונים האבן געוויזן שטארקע 'גבורות', אבער 'זערא' אויפגעטון במציאות, מ'האט באמבארדירט, אונטערגעברענגט, אפגעווישט פון די מאפע, יעדן טאג האבן זיי געהאט פרישע 'ניסים ונפלאות', אבער די רוצחים האבן זיי בכלל נישט אונטערגעברענגט. די ארגאניזאציע גייט אן כאילו לא היה, און מ'זעט בכלל נישט אן קיין צייכענעס אז זיי האלטן ביים אויפגעבן.

אפילו די וויכטיגסטע מיסיע פון ראטעווען די משכונות, די פארכאפטע איזראעלישע בירגער, איז א שווידערליכע דורכפאל. ווען די הונדערט און עפעס געראטעוועטע האט מען געראטעוועט נאכ'ן פאלן אויף די פיס פאר די אראבישע מערדער און זיי נאכגעבן זייערע פארלאנגען, און פון דארט און ווייטער פרובירט מען כסדר צו אויסהאמערן אן אפמאך, און די פאלעסטינער זענען די וועלכע ווארפן צוריק אין פנים.

די ציוני'סטישע מדינה איז ארויס פון דעם מצב בזוי ומבוזה, פארשעמט, אראפגעקוקט, זיי זענען נישט ווערד קיין פעני, ניטאמאל פאר 'סעלף דיפענס'.

## דער 'דורכפאל' בלייבט מיט זיין חוצפה

דער מענטשליכער שכל זאגט אז ווען איינער פאלט דורך גייט ער זיך לערנען ביי אנדערע וואס פארשטייען בעסער פון אים.

צו זייער מזל זענען דא עטליכע גרויסע וועלטס-מאכטן וואס זענען דא צו געבן שטיצע, זיי זענען דא צו העלפן די מדינה, און זיי באגלייטן זיי מיט אלע סארט הילף כסדר. אבער פארט שטעלן זיך די ציונים ארויס מיט אזא גרויסע חוצפה וואס לאזט זיך נישט זאגן.

עס זעט אויס ווי דער קליינער צוויי יעריג אינגל וואס דער טאטע לערנט אים גיין אליין אויף די פיס, ער גייט א טריט אויף א טריט, און דער טאטע באגלייט אים, ער העלפט אים, ער הייבט אים אויף ווען ער פאלט אראפ, און פלוצלינג שרייט דאס קינד "טאטי, לאז מיך אפ, איך קען אליין"...

דער שוטה, רשע, גס רוח, כופר, ביבי נתניהו, איז ארויסגעקומען אלס א פאפירענער טיגער, יעדער ווייסט אז ער האט איין מעלה: א 'פיסקל'... נישטא קיינער אויף די וועלט וואס ווייסט נישט וויאזוי ער וואלט אויסגעזען ווען נישט אמעריקע שטעלט זיך צו זיין האנט פון די ערשטע מינוט. אבער, נאכ'ן באקומען די גאנצע הילף וואס האט אים געראטעוועט זיין עקזיסטענץ, און וואס ער באקומט ווייטער כסדר יעדן טאג, האט ער די פרעכע חוצפה צו שרייען "טאטי, איך קען אליין...".

זיין חוצפה כלפי אמעריקע, וואס האט נישט מסכים געווען צום מהלך פון אינוואדירן 'רפיח', און יעצט ווייטער נאכדעם וואס ער איז - בחסדי השם א דאנק תפילות ישראל - ארויס מיט גאנצע ביינער פון די איראנער אטאקע, בשבח והודאה להשי"ת, מיט די הילף פון אמעריקע, ענגלאנד, אפילו ירדן, אבער ער וויל נקמה, ער וויל שרייען "איך קען אליין", איך פרעג נישט קיינעם, איך טו אפילו ווען די 'נותני מימי לחמי ופשתי' זענען דערקעגן, "דאס איז א פאלנער ציוני".

מיר וואלטן געשריבן אין דיקשאנערי "ציוני: א מחוצף אן קיין רוקן-ביין".

אבער זיי טראגן אונז אלע אריין אין באד.

מיט זייער טראציגע חוצפה, און געוואגטע ווילדקייט, רייצן זיי אויף די שנאה צו אידן איבעראל אויף אבנארמאלע שטאפלען, און איין באשעפער ווייסט צי וואס דאס וועט אונז ברענגען.

שומר ישראל שמור שארית ישראל.

## זיי האבן נאר קאליע געמאכט

עס איז מאדנע - מאדנע שבמאדנע - געווען ווי מאנכע גאר שמאלע מוחות האבן מיט התפעלות גערעדט נאך שבת אז "אין פאקט האט איראן געשאסן הונדערטער מיסילס, און קיינער איז נישט געשעדיגט געווארן, אדאנק די מעכטיגע אייראן-דאום סיסטעם פון די ציונים".

ס'לאזט זיך נישט גלייבן ווי מצומצמ'דיג מענטשן קענען זיין ווען עס קומט צו טראכטן וויאזוי א איד דארף טראכטן, וואס דאס איז באמת דער גראדער מהלך המחשבה פון א נארמאלן מענטש.

יעדער אשר לו מח בקדקדו האט דא געזען אז די ציונים האבן גאר אנגעברענגט די ביטערע צרה מיט די אייגענע הענט, זיי זענען די 'צינדער', און זיי פירן דעם מצב מאמענטאל פון 'ביטער' צו 'נאך ביטערער'... און א דאנק אמעריקע, ענגלאנד, ירדן, און מיט אסאך סיעתא דשמיא און תפילות ישראל פון איבער די גאנצע וועלט, זענען זיי ארויסגעקראכן פון דא מיט גאנצע ביינער. ווען נישט וואס איבער האלב פון די מיסילס און דראונס זענען אראפגעשאסן געווארן נאך בעפאר גרייכן די איזראעלי גרעניצן, ווי אויך האבן פילע מיסילס און דראונס נישט געארבעט ווי ס'דארף צו זיין, וואלט די קאטאסטראפע געקענט זיין אסאך אסאך גרעסער, ה"י.

עס דערמאנט זיך א זיסע מעשה'לע וואס הגה"ק רבי וועלוועלע בריסקער זללה"ה האט אמאל געזאגט ווען ער האט געהערט רעדן איבער דעם עניז פון די 'ניסים' וואס מאנכע האבן געזען אין פארשידענע הצלחות

וואס די ציוני'סטן האבן געהאט אין זייערע מלחמות, האט ער געזאגט אז מען טאר נישט אזוי טראכטן אז די רשעים זאלן זוכה זיין צו ניסים פון הימל.

נאר וואס דען?

צומאל איז שוין געווען באשערט א ישועה פון הימל פון פריער, און עס איז חסדי ה' אז דאס וואס די רשעים האבן אריינגעלייגט זייערע הענט אין די זאך מאכט דאס נישט קאליע [ווי די גמרא זאגט אויף כישוף מאכער, אז זיי זעען אז ס'גייט קומען א רעגן, און זיי 'זאגן עס פאר', אזוי ברענגען זיי מענטשן זאלן גלייבן אין זייערע 'הימלישע כוחות'...].

האט דאס דער בריסקער רב מסביר געווען מיט א משל, א ווערטל פון זיין זיידן דער בית הלוי הגה"ק רבי יאשע בער מבריסק ז"ל, וואס ווען ער האט א שידוך געטון מיט'ן זון רבי חיים, האט דער מחותן געגעבן זייער א גרויסן נדן, און דער זון איז געווען זייער צופרידן דערמיט.

האט דער בית הלוי אים געזאגט "דאס וואס מען האט דיר געגעבן דעם נדן איז נישט אין דיין זכות, נאר אין מיין זכות ווייל דו ביסט מיין זון".

האט רבי חיים געזאגט "טאטע, אויב האט מען געגעבן דעם נדן אין דיין זכות, פארוואס האט מען נישט געגעבן מער ווי דאס?".

האט דער בית הלוי געזאגט בדרך הלצה "ביזט גערעכט, אלס מיר אויס וואלט מען ווען טאקע געדארפט געבן מער, נאר אז דו ביזט אריינגעמישט געווארן דערין האסטו קאליע געמאכט, און מען האט געגעבן וויניגער"..."

האט דער בריסקער רב אויסגעפירט "ווען נישט דאס וואס די ציונים לייגן אריין זייערע הענט אין דעם עסק וואלטן מיר ווען געקענט זוכה זיין צו די ריכטיגע ישועה".

עס איז א טיפע מעשה. - און באקאנט וויפיל מרן רביה"ק מסאטמאר זללה"ה האט גע'חזר'ט טאקע ממש די זעלבע נקודה.

עס איז קיין שאלה נישט אז ווען נישט די רשעי ישראל די ציונים וואלטן מיר שוין היינט געהאלטן פיל ווייטער, אזוי האבן אונז אלע צדיקים מעיד געווען. אויב עפעס זענען זיי די וואס זענען שולדיג אין אלע אונזערע צרות.

אויב דארפן מיר זיך פרייען אויף די 'ניסים' וואס זענען געווען פארגאנגענע מוצאי שב"ק, דארפן מיר לויבן און דאנקען אז אונזערע תפילות ותחנונים, אונזערע קאפיטלעך תהילים פון רבבות אלפי ישראל האבן איבערגעוואויגן די רשעות און אכזריות פון די ציונים, און מיר האבן זוכה געווען צו רחמי שמים מרובים אז קיין אידן זאלן נישט געשעדיגט ווערן מיט די הילף פון די אומות העולם.

## מקיים זיין אזויפיל מצוות דורך איין עבירה

מענין לענין.

עס איז ראוי ארויס צו ברענגען לשבח דעם הייליגן מפעל **'דעהו'**.

א חשוב'ע ארגאניזאציע וואס גיבט זיך אפ מיט'ן שיקן טעגליכע אימעילס מיט הלכות, התעוררות, בעניני טעכנאלאגיע, זהירות אין אפיסעס, און נאך וויכטיגע נקודות. וואס זייערע אויפטוען זענען שוין היינט בארימט, און אומצאליגע אידן סוחרים, וואס פארמאגן ביזנעסער האבן זיך געשטעלט אויפן פלאץ אדאנק זייער התעוררות.

היינטיגן דינסטאג אינדערפרי האט 'דעהו' מפרסם געווען די פאלגענדע מעשה, מיט א מוסר השכל לעניני טעכנאלאגיע, אבער דוכט זיך אז עס איז אונז פלאץ אויך לענינינו:

"עס איז אמאל געווען א איד, ר' יאנקל, וועלכער איז געווען א גרויסער "קמצן" - א ריכטיג-קארגער מענטש. האט זיך אמאל געמאכט, אז עס איז איבערגעבליבן ביי אים אין שטוב אביסל פלייש פון נאכטמאל, און מען האט עס אוועקגעלייגט, אפשר וועט מען עס נאך עסן... עס זענען אדורך אפאר טעג וואס דאס פלייש איז אזוי ארומגעלעגן, ביז עס האט אנגעהויבן שלאגן דערפון א ריח, לאזנדיג אלעמען וויסן אז עס הייבט אן פארדארבן ווערן...

ווען די פרוי פונעם קמצן האט געוואלט ארויסווארפן דאס שטיקל פלייש, האט ער איר צוריקגעהאלטן דערפון, טענה'ענדיג, "היתכן, דו ווארפסט ארויס אזא גרויס שטיקל פלייש? לאז עס דא - איך קען מיר דערמיט נאך איינקויפן א מצוה!".

"וועלכע מצוה קען מען האבן מיט א פארדארבן שטיקל פלייש?" פרעגט זי אים מיט וואונדער. ענטפערט ר' יאנקל, "דו ווארעם עס אן, גרייט עס אן שיין אין טעלער, און איך וועל עס שוין מסדר זיין".

ר' יאנקל איז ארויס פון הויז, און ווי א געטרייע אשת חיל, האט זיין פרוי אים געפאלגט, אנגעווארעמט און אנגעגרייט דאס שטיקל פלייש אין טעלער. עס גייט נישט דורך קיין לאנגע ווייל, און ר' יאנקל איז דא מיט א גאסט אין שטוב - דער ארעמער פעדלער פון שטאט, אן אויסגעמאגערטער פון הונגער, אנגעטון מיט זיין צעלעכערטע קליידער און צעריסענע שיך. ר' יאנקל זעצט אים אראפ ביים טיש און דערלאנגט אים די פארציע פלייש.

> **זיין חוצפה כלפי אמעריקע, וואס האט נישט מסכים געווען צום מהלך פון אינוואדירן 'רפיח', און יעצט ווייטער נאכדעם וואס ער איז - בחסדי השם א דאנק תפילות ישראל - ארויס מיט גאנצע ביינער פון די איראנער אטאקע, בשבח והודאה להשי"ת, מיט די הילף פון אמעריקע, ענגלאנד, אפילו ירדן, אבער ער וויל נקמה, ער וויל שרייען "איך קען אליין", איך פרעג נישט קיינעם, איך טו אפילו ווען די 'בותני מימי לחמי ופשתי' זענען דערקעגן, "דאס איז א פאלנער ציוני".**

דער ארעמאן האט שוין נישט געהאט פארזוכט דעם טעם פון פלייש חדשים לאנג, און האט נישט צופיל פארשטאנען וואס עס באדייט ווען עס שפירט זיך עפעס אן אומהיימליכער ריח דערפון. זיין הונגעריגער מאגן איז פרייליך געווארן זעענדיג אזא מאלצייט, און ער האט געגעסן דאס פלייש מיט'ן פולסטן אפעטיט. ער האט זיך נאך גאר באדאנקט פאר ר' יאנקל פאר'ן דערקוויקן אים מיט זיין גוטהארציגקייט... ווי-נאר ער איז ארויס פון שטוב, רופט זיך ר' יאנקל אן צו זיין פרוי, "נו, האבן מיר יעצט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים מיט'ן שטיקל פלייש!".

עס גייט נישט דורך א טאג, און דאס פלייש האט אנגעהויבן ארבעטן... דער ארעמאן איז ל"ע קראנק געווארן. ר' יאנקל האט נישט פארשפעטיגט און איז געקומען אים "מבקר חולה" זיין.

אפאר טעג שפעטער, נישט האבנדיג קיין געלט אויף באהאנדלונגען, איז דער ארעמאן נעבעך אוועק פון דער וועלט. אונזער ר' יאנקל איז אוודאי געווען אויף דער לוי' און האט באגלייט דעם נפטר צו זיין אייביגער רו. ער האט, פארשטייט זיך, אויך נישט פארגעסן צו גיין מנחם אבל זיין די אומגליקליכע משפחה פונעם פארשטארבענעם ארעמאן.

אנקומענדיג צוריק אהיים, רופט זיך אן ר׳ יאנקל צו זיין פרוי מיט גרויס פרייד, ״קוק וויפיל מצוות איין פארדארבן שטיקל פלייש קען ברענגען: הכנסת אורחים, ביקור חולים, הלוית המת, ניחום אבלים!...״

׳דעהו׳ ברענגט א מעסעדזש:

טעכנאלאגיע אין באנוץ אן א ריכטיגע פילטער און אן די ריכטיגע גדרים וסייגים, קען אפשר איינער טרעפן אסאך מצוות דארט - אבער דאס איז ווי די מצוות מיט׳ן פארדארבענעם פלייש... ווען פלייש איז פארדארבן, ווארפט מען עס גלייך אוועק, און מען שטייט ווייט דערפון..

נאכאמאל: יישר כח ׳דעהו׳, און פאר די חשוב׳ע עסקנים דארף ארויסגעברענגט ווערן די שטארקסטע חיזוק פאר זייערע אומבאגרייפליכע מעשים וואס שלאגן ווארצלען אויף גאר ווייט.

אבער, ביים זען די מעשה, שטעלט זיך ארויס אז דאס איז באמת אויך גאר פאסיג לענינינו.

די ציונים זענען ביי מאנכע איין ״שטיק סוקסעס״... זיי האלטן אין איין מצליח זיין, זיי האלטן אין איין געווינען מלחמות, יעדע שטיק צייט האבן זיי א נייע ׳מבצע׳ מיט א נייעם נאמען, און מ׳קען יעדע פינף מינוט נתפעל ווערן ווי זיי האבן זיך שוין ווידער נוקם געווען, זיי האבן שוין ווידער צוריק געגעבן, און זיי האבן שוין נאכאמאל געצייגט פאר די וועלט אז ״מיט מיר הייבט מען זיך נישט אן״.

**די ציונים זענען ביי מאנכע איין ״שטיק סוקסעס״... זיי האלטן אין איין מצליח זיין, זיי האלטן אין איין געווינען מלחמות, יעדע שטיק צייט האבן זיי א נייע ׳מבצע׳ מיט א נייעם נאמען, און מ׳קען יעדע פינף מינוט נתפעל ווערן ווי זיי האבן זיך שוין ווידער נוקם געווען, זיי האבן שוין ווידער צוריק געגעבן, און זיי האבן שוין נאכאמאל געצייגט פאר די וועלט אז ״מיט מיר הייבט מען זיך נישט אן״.**

אפשר מעגן מיר פרעגן די ממשיכי הערצל, נארדוי, בן גוריון וזנביהם... ווען וועט אייער סוקסעס פארגינען פינף מינוט מנוחה פאר אייערע בירגער?!

די חברה האבן זיך איינגעהאנדלט א פארדארבן שטיקל פלייש, דאס מאגן איז פארדארבן, און זיי רייסן זיך פאר יסורים, און הערן נישט אויף צו מקיים זיין מצוות מתוך יסורים.

מיר האבן זייער אסאך צו בעטן און מתפלל זיין פאר׳ן פרידן פון אונזערע ברידער אין ארץ ישראל. מיר גייען צו צום יו״ט פסח ״זמן חירותינו״. אידישע קינדער ווילן שפירן ׳חירות׳, אבער ניין, אונזערע ברידער און ארץ ישראל און אונזערע ברידער אין איראן, אין אוקראינע, און אין רוסלאנד שפירן נישט קיין ׳זמן חירותינו.

שומר ישראל שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים ׳שמע ישראל׳.

## ועל הממלכות אשר בשמך לא קראו

צוריק צום ׳שפוך חמתך׳.

לסיים בדבר טוב וועלן מיר ענדיגן מעין הפתיחה מיט א אינטערעסאנטע עובדא׳לע וואס מיר האבן מקבל געווען פון הרה״ג ר׳ אלימלך שלמה שווארץ שליט״א שו״ב:

״אלס בחור בין איך געווען אין שטוב פון א היימישן רב ז״ל, האט ער מיר געוויזן אז ער האט אוועקגעלייגט ביי זיך א קאפיע פון א ׳מארגן זשורנאל׳ פון תשי״ג לפ״ק. אין יענעם צייטונג איז געווען אן ארטיקל פון א שרייבער ׳דוד פלינקער׳, וועלכער פלעגט שרייבן ציונות אזוי ווי עס איז געווען אין יענע צייטן ווען מ׳פלעגט רעגלמעסיג האקן אויף סאטמאר צוליב זייער מלחמה קעגן ציונות. עס איז דא צווישן די כתבי ידות פון רביה״ק מסאטמאר ז״ל וואס ער האט געשריבן אין די תקופה ווען ער האט נישט געטארט רעדן עפ״י פקודת די דאקטוירים, וואו דער רבי דערמאנט אן ארטיקל פון דעים ׳דוד פלינקער׳.

״דער ׳דוד פלינקער׳ האט זיך געקענט מיט הרה״ח ר׳ אברהם הלוי ווערצבערגער ע״ה שו״ב, קומענדיג שחט׳ן ביי אים אין מארקעט, און ר׳ אברהם פלעגט אלס רעדן צו אים וועגן סאטמאר. האט ער אים אמאל נאכגעזאגט אז דער רבי האט מדייק געווען ביים סדר ביי ׳שפוך חמתך׳ וואס מ׳זאגט ״על הגוים אשר לא ידעוך ועל הממלכות אשר בשמך לא קראו״, לכאורה וואס איז דער כפל הלשון ״הגוים: אשר לא ידעוך, ו״על הממלכות׳ אשר בשמך לא קראו״, האט דער רבי געזאגט אז עס זענען דא צווישן די גוים געצוג וואס גלייבן אויך אינעם אויבערשטן, נאר זיי ווייסן נישט די עיקרי האמונה, זיי זענען די ״גוים אשר לא ידעוך״ - חוץ די איינע באוואוסטע מלוכה די קאמוניסטן וואס זענען כופרים בעיקר - אבער אידן אפיקורסים, זיי זענען די ׳ממלכות אשר בשמך לא קראו׳, וואס האבן א מלוכה וואס איז געשטעלט אויף כפירה בעיקר ומרידה במלכות שמים.

״פלינקער האט זיך צוגעכאפט צו דאס ווארט, און אפגעשריבן א העצערישן ארטיקל קעגן דעם רבי׳ן, צוגעבנדיג ״זאלן פרובירן צו קומען די סאטמארע צו לייקענען אז זייער רבי האט גערעדט אזוי מיאוס אויף די אידישע מדינה, אז ער האט זיי מדמה געווען צו די קאמוניסטן און ער האט זיי געשאלטן, שפך עליהם זעמך וחרון אפך ישיגם, שטעלט אייך פאר א איד שטעלט זיך פסח ביינאכט שעלטן די אידישע מדינה... זיי קענען דאס נישט לייקענען ווייל זייער אייגענער חסיד אברהם ווערצבערגער האט דאס מיר איבערגעזאגט״.

״זאגט ר׳ אלימלך ״ווען יענער רב האט מיר דאס געוויזן דעמאלטס האב איך צום ערשטן מאל געזען די פייערדיגע תורה פונעם רבי׳ן אינעם טמא׳נעם צייטונג...״

״נאכדעם וואס הרה״ח ר׳ יוסף אשכנזי ע״ה האט ארויסגעגעבן די הגדה דברי יואל, האב איך אים מעורר געווען פארוואס עס איז נישטא אט דער טייטש אין די הגדה, האט ער מיר געזאגט אז ער ווייסט נישט פון דעם טייטש, האב איך אים געזאגט אז איך ווייס אז עס איז א מפור׳שע ׳מארגן זשורנאל׳ בשם ר׳ אברהם ווערצבערגער ע״ה...

״די הגדה איז בשעתו צעכאפט געווארן תיכף, ווייל עס איז ארויסגעקומען אין יענע תקופה ווען דער רבי איז נישט געזונט געווארן, און ווען ער האט דאס איבערגעדרוקט האט ער דאס אריינגעלייגט צום סוף ביי די השמטות. ביי די שפעטערדיגע דפוס האט מען דאס שוין אריינגעלייגט געהעריג אינעם ספר״.

עכ״פ דעם רבי׳נס תורה פונעם ׳מארגן זשורנאל׳ קענען מיר היינט חזר׳ן, יא יא, פון די ׳ממלכות אשר בשמך לא קראו׳ ליידן מיר ליידער ביטערליך ביז׳ן היינטיגן טאג.

זאל דער אויבערשטער טאקע העלפן אז מ׳זאל שוין וואס פריער באפרייט ווערן פון דעם ביטערן אומגליק, און משיח צדקינו זאל אונז ראטעווען און באפרייען פון אלע צרות און קליפות, און נאך היי יאר זאלן מיר זוכה זיין, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, בב״א.